# א יתומל זינגט

נאכט שפירט אין שלאף:

די גאסן הערן אויף באקלאגן
זייער פוסטקייט:
א יונג זינגט.

פראלט אויף די נאכט אויג און אויער:

דורכן ענג צעשפאלטן רעקל רייסט זיך דורך געזאנג,
האט צעריסן די פשישוועס אויף די שיך און זינגט.

ער האט נישט ווו צו שלאפן:
שטרענג פארקלאפט די טויערן,
ווי דער קבר פון זיין טאטן,
און ליכט געבליבן אלע פענצטער.

ווי ער אָן א מאַמע,
טראַטואַר און מענטש — טויט־אַרעם ביידע,
און קלעמעדיק, שווערע ליידיקייט
איז אצינד די שטאָט, די שטאָט,
ווי א פריש געבויט יתומים־הויז — :

איז קיין קיך נישט אויסגעמויערט,
קיין ברעקל סימן פון א טאָפּ,
קיקסט דאָרט, דאָ — בחינם, נישטאָ
די בארמהארציקע שוועסטער
מיטן פולן פארטעך ווייסע גוטסקייט,
נישט קיין שטרויזעק אין די ווינקלען,
נישט קיין בעטל אויסגעבעט —

א יתום.
האָט נישט ווו צו שלאָפן.

גלותט ער פון פּאַלאַץ צו פּאַלאַץ,
שלעפּט א מאָגן פול מיט הונגער
דורך פוסטקע־נודנער ליידיקייט
פון א גרויסער שוואַרצער שטאָט,
(ער א קליינער שוואַרצער יונג)
שלעפּט און ווייסט נישט איין נישט אויס.
גלאָצט: פון ערגעץ לויפט אַ מויז,
פליט איר נאָך, זעט נישט: ווו?
שרייט נישט: גאָט, א קאַפּקע רו!
זיין גומען טויג נישט צו קיין תפילות,
ס׳האָט אַ טאַטע נישט געלערנט,
און קיין מאַמע האָט ער אויך נישט,
פון וואַן זשע זאָל ער שעפּן טרערן?
און פארגולמט, פארגלאָצט,
פארפינצטערט, אַנטשוויגן,
(ווי בלעכערנע דעכער,
ווי שויבן פון גלאָז,
ווי קאַלך אויף די הייזער)
בלאָנקעט ער דורך אלע ראָגן

און ווייסט נישט, וואָס אים שטעכט אין אויג:
צי א לאַמטערן?
אפשר די שטערן?
און קאָן נישט דערהערן
דעם טרומייט אין לינקן אויער...

און משאדיק ווינט אויף זיין פלייצע דער חושך,
עס הענגט אים אין ברוסט א זעקל מיט זאמד,
ער ווייסט נישט איין און ווייסט נישט אוים,
און דער זאק מיט זאמד איז גרוים,

און שפּירט נישט, בראַדזשענדיק, און שפּירט:
צופּיסנם איז אזוי געשמאַק,
אונטן יום-טובט מען א יום-טוב,
ערד קושט אים שטאַרק די זוילן.

לאָזט ער זיך פארהושט אראָפּ
און ליגט — א מענטש אינמיטן גאַם,
(ווי טויטע ליפּן ביי א טויטער ברוסט
איז זיין שווארצער קאָפּ ביים שווארצן ברוק)
צעזינגט זיך פון דער העלער הויט,
(געהערט אין פּאַליש פון די יונגען?
אויף ירידן פון א דושאַד?
אָדער ערגעץ ביי ציגיינער?)
פּאָפּט און נעמט ארום די ערד,
חמרט — המרט — חמרט — און
זינגט ארוים פון שלאָף:

„שטיינער גוטע, ווייכע שטיינער,
איך בין אמאָל געווען אַ שיינער
היינט קוקט אויף מיר נישט קיינער
אלע שלאָפן, איך וואך איינער,
אז איך עס נישט — ווייסט נישט קיינער,
שוין שווארץ געוואָרן מיינע ציינער,
ווייכע, ווייכע, ווייכע שטיינער,
איך בין אמאָל געווען א ש־ינער

אין גאנצער געגנט איינער, איינער,
אָ, כ׳בין שוין באלד הויט און ביינער,
וואָס-זשע שווייגט איר, הארטע שטיינער?״

הערט די נאַכט אויף די גאסן,
אויף די דעכער הערט דאָס בלעד
שויבן הערן פון די פענצטער,
פון די הייזער הערן — ציגל:

א יתומל זינגט.